בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וישב תשפ"ה

גליון 773 [שנה י"ז]

**וואס מיינט ויגד לאחיו און ויאמר אליהם, עס איז א סתירה!**

וַיַּחֲלֹם יוֹסֵף חֲלוֹם וַיַּגֵּד לְאֶחָיו וַיּוֹסִפוּ עוֹד שְׂנֹא אֹתוֹ: וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם שִׁמְעוּ נָא הַחֲלוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר חָלָמְתִּי: (ל"ז ה–ו) עס איז א סתירה אין די פסוקים ווייל עס שטייט וַיַּחֲלֹם יוֹסֵף חֲלוֹם וַיַּגֵּד לְאֶחָיו און נאכדעם שטייט שִׁמְעוּ נָא הַחֲלוֹם הַזֶּה איז משמע אז ער האט פריערט נישט דערציילט אויב אזוי וואס מיינט וַיַּגֵּד לְאֶחָיו? נאר עס שטייט אין גמ' (ברכות דף נ"ה ע"א) חֶלְמָא בִּישָׁא עַצִיבוּתֵיהּ מִסְתְּיֵיהּ חֶלְמָא טָבָא חֶדְוֵיהּ מִסְתְּיֵיהּ, א שלעכטע חלום אויב מען איז טרויערדיג ווערט דאס אוועקנעמען די שלעכטע חלום, אבער א גוטע חלום אויב מען איז פריילאך פון דעם ווערט דער חלום אוועקגיין און נישט מקויים ווערן, דעריבער נאך די גוטע חלום האט יעקב געוואוסט אויב ער ווערט זיין פריילאך ווערט נישט מקויים ווערן דער חלום, דעריבער האט ער געוואוסט אויב ער ווערט דערציילן די חלום פאר די ברידער וועלן זיי אים שטערקער פיינט האבן און יעקב ווערט נישט זיין פריילאך ווערט דער חלום מקויים ווערן, דעריבער איז פשט וַיַּחֲלֹם יוֹסֵף חֲלוֹם און ער האט געוואלט עס זאל האבן א קיום, וַיַּגֵּד לְאֶחָיו, און האב מחליט געווען ער ווערט דאס דערציילן פאר זיינע ברידער, ווייל וַיּוֹסִפוּ עוֹד שְׂנֹא אֹתוֹ, און זיי וועלן אים מער פיינט האבן און ערשט נאכדעם איז געווען וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם שִׁמְעוּ נָא הַחֲלוֹם הַזֶּה, און אזוי שטייט וַיּוֹסִפוּ עוֹד שְׂנֹא אֹתוֹ און די חלום ווערט מקויים ווערן. (אמרי שפר הגאון ר' שלמה קלוגער) לענ"ד וואלט מען געקענט ענטפערן אז יוסף וואלט נישט געוואלט דערציילן די חלום פאר די ברידער, אבער אין זיין חלום האט ער אויך געחלומ'ט וַיַּחֲלֹם יוֹסֵף חֲלוֹם אז וַיַּגֵּד לְאֶחָיו נאך די חלום פון בוקן, האט ער די חלום דערציילט פאר די ברידער און זיי האבן אים פיינט געהאט, האט יוסף פארשטאנען אז ווייל ער האט דאס געזען האט ער זיי דערציילט, קומט אויס וַיַּגֵּד לְאֶחָיו איז געווען א חלק פון זיין חלום און דעריבער שטייט נאכדעם וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם שִׁמְעוּ נָא הַחֲלוֹם הַזֶּה, איז נישטא א סתירה אין די פסוקים. (שמח זבולון תשפ"ה)

**ווי אזוי האט געקענט זיין א הצלה אויב נחשים ועקרבים יש בו?**

וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ מִיָּדָם וַיֹּאמֶר לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רְאוּבֵן אַל תִּשְׁפְּכוּ דָם הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל הַבּוֹר הַזֶּה אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר וַיִּקָּחֻהוּ וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ הַבֹּרָה וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם: וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל אֶחָיו מַה בֶּצַע כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ: (ל"ז כ"א–כו) וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם: דרשת חז"ל (שבת דף כ"ב ע"ב) מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו, לכאורה פון וואו איז די ראיה אז נחשים ועקרבים יש בו, אפשר איז געווען ליידיג פון אלעס? נאר באמת דארף מען פארשטיין אז עס שטייט וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רְאוּבֵן אַל תִּשְׁפְּכוּ דָם הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל הַבּוֹר הַזֶּה אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר וְיָד אַל תִּשְׁלְחוּ בוֹ לְמַעַן הַצִּיל אֹתוֹ מִיָּדָם, און די ברידער האבן מסכים געווען און אויב אין דער בור איז געווען נחשים ועקרבים, וואס פאר א הצלה איז דאס פאר יוסף? נאר מען דארף פארענטפערן א שיינעם דיוק וואס עס שטייט וַיִּקָּחֻהוּ וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ "הַבֹּרָה" שטייט בֹּר אן א וי"ו און נאכדעם שטייט "וְהַבּוֹר" רֵק: שטייט מיט א וי"ו? נאר דער ענין איז געווען אז ראובן און די ברידער האבן געמיינט אז דער בור איז ליידיג פון אלעס, דעריבער שטייט "הַבֹּרָה" אן א וי"ו אין בו, עס איז אינגאנצן ליידיג, אבער באמת וְהַבּוֹר רֵק מיט א וי"ו עס איז געווען אין דעם עפעס, און אין בו מים, זיי האבן געזען אז עס איז נישטא וואסער האבן זיי געמיינט אז עס איז אינגאנצן ליידיג, אבער וְהַבּוֹר, עס האט געהאט עפעס, און אויב נישט וואסער מוז זיין נחשים ועקרבים יש, און דעריבער שטייט וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל הַבּוֹר, פסוק כט מיט א וי"ו אז ער האט געזען אין דעם נחשים ועקרבים, קומט אויס אז די ברידער האבן געמיינט לטובה אז יוסף זאל נישט שטארבן אין בור. (קרן לדוד גרינוואלד סאטמאר) וואלט מען געקענט צולייגן אז דאס מיינט די פסוק וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רְאוּבֵן אַל תִּשְׁפְּכוּ דָם הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ "אֶל הַבּוֹר הַזֶּה" אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר, וואס אלע פרעגן פארוואס שטייט הַבּוֹר "הַזֶּה"? נאר דאס איז געווען די כוונה פון ראובן אז דער בור איז ליידיג און זיי האבן געפאלגט און וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ הַבֹּרָה, טאקע יענע בור וואס ראובן האט זיי געהייסן, אבער וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם: מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו, עס איז נאר געווען ליידיג פון מים. (שמח זבולון תשפ"ה)

**וואס איז די אריכות הלשון פון יהודה?**

וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל אֶחָיו מַה בֶּצַע כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ: (לז כו) פארוואס האט יהודה גענוצט דעם לשון פון מַה "בֶּצַע" און מאריך געווען ווען עס וואלט געקענט שטיין לְכוּ וְנִמְכְּרֶנּוּ לַיִּשְׁמְעֵאלִים? נאר די דרך פון רוצחים פארוואס זיי ווילן הרגנען איינעם איז וועגן איינע פון דריי סיבות, אדער זיי ווילן געלט, אדער ווייל זיי האבן פיינט דער מענטש, אדער ווייל יענער מענטש איז שטארק און אויב זיי וועלן אים הרגנען ווערט דאס זיין פאר זיי א חשיבות און אלע וועלן דאס געדענקען, אזוי ווי דוד האט געהארגעט דער שטארקע גליית און מען דערציילט דאס אייביג, דעריבער אנקעגן די דריי סיבות האט יהודה געזאגט פאר די ברידער, מַה בֶּצַע, וואס דאס מיינט געלט, אז יוסף האט נישט קיין געלט איז צוליב דעם נישטא קיין סיבה אים צו הרגנען, די צווייטע סיבה ווייל ער איז א שונא, האט יהודה געזאגט כִּי נַהֲרֹג אֶת "אָחִינוּ", ער איז א ברודער און נישט א שונא, און די דריטע סיבה פון כבוד האט ער געזאגט וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ, אויב מיר וועלן אים הרגנען ווערט זיין בלוט ווערן באדעקט און קיינער ווערט נישט וויסן און מען ווערט נישט האבן קיין כבוד, ממילא איז נישטא די דריי סיבות, דעריבער לְכוּ וְנִמְכְּרֶנּוּ לַיִּשְׁמְעֵאלִים. (מקור ברוך להגאון ר' ברוך פאייתוסי ליוורנו תק"נ)

**ווי האבן זיי געוואוסט אז עס איז נישטא א פתרון?**

וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו חֲלוֹם חָלַמְנוּ וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף הֲלוֹא לֵאלֹקִים פִּתְרֹנִים סַפְּרוּ נָא לִי: (מ ח) עס איז א פלא אז די סריסים זאגן יוסף פון וואו האבן זיי געוואוסט וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ האבן זיי געפרעגט איינעם צו וויסן אז עס איז נישטא א פתרון? נאר עס שטייט אין גמ' (ברכות דף נ"ה ע"א) כְּשֵׁם שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְבַר בְּלֹא תֶּבֶן כָּךְ אִי אֶפְשָׁר לַחֲלוֹם בְּלֹא דְּבָרִים בְּטֵלִים, אז יעדע חלום האט דברים בטלים דעריבער האט יוסף געזאגט הֲלוֹא לֵאלֹקִים פִּתְרֹנִים "סַפְּרוּ נָא לִי" דערציייל מיר פונקלאך די גאנצע חלום, האבן זיי געזאגט חֲלוֹם חָלַמְנוּ אין די חלום האבן מיר געחלומ'ט אז וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ אז עס איז נישטא קיין פתרון, דא האט שוין יוסף געזען אז די וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ איז די חלק פון דברים בטלים ווייל הֲלוֹא לֵאלֹקִים פִּתְרֹנִים דער אויבערשטער ווערט אים פותר זיין, מוז דאס זיין אז דאס איז דברים בטלים און די איבעריגע חלום איז אמת, ממילא האט יוסף געוואוסט ווי אזוי צו פותר זיין זייערע חלומות. (מכתב סופר הגאון ר' שמעון סופר אב"ד קראקא בן החת"ם סופר)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

## אוד מוצל מאש הרה"ק ר' יוחנן פערלאוו מסטאלין זצוק"ל כ"א כסלו תשט"ז

אזוי ווי דעם שבת פרשת וישב איז דער שבת פאר חנוכה און עס שטייט אין ספר בית אהרן אז א יו"ט באקומט זיינע השפעות פון דעם פריערדיגן שבת, וואלט געווען פאסיג צו מקשר זיין וואס איז געווען אז איין פך שמן איז געבליבן וואס דאס האט געגעבן א המשך אויף ווייטער און חנוכה איז דאך נצחיות, און דער אויבערשטער טוט כסדר אזוי, אפילו מען מיינט אז אלעם איז פארפאלן, לאזט דער אויבערשטער איין פונק וואס פון דעם שפראצט צוריק אלעס. דאס האבן מיר געזען נאך די מלחמה אז דער אויבערשטער האט איבערגעלאזט זיינע מנהיגים שטילערהייט און אזוי בדרך נס חנוכה האט זיך אלעם צוריק געשפראצט, און אויך די ישיבות.
חסידות קארלין סטאלין האט געהאט די זכיה אז איין פונק האט דער אויבערשטער געהיט און האט איבערגעלעבט די מלחמה דאס איז דער רבי ר' יוחנן זצוק"ל, דעם יונגסטער זון פון מרן אור ישראל דער פראנקפורטער זצוק"ל וואס נאכן זיך וואנדערן טויזנטער מייל טיף אין רוסלאנד און נישט זייענדיג געזונט און טראץ אלעם האט אים דער אויבערשטער געפירט מיט נסים און מיט די לעצטע כוחות געקומען אין א"י און אמעריקא און אוועקגעשטעלט א חבורה וואס איז לשם ולתפארת עד היום הזה. דער לימוד פון חנוכה איז אז דער אויבערשטער פארלאזט נישט קיינעם און די נסים פון חנוכה איז אנגייענדיג און א ישועה וועט קומען פאר כלל ישראל.

*מדור העובדות*

## *****הרה"ק ר' מרדכי מנאדבורנא שאפט גילוי אליהו פאר א מוהל ביי א ברית*****

רבי מרדכי לייפר מנאדבורנא זצוק"ל איז געבוירן געווארן (י"ט באייר תקפ"ד) צו זיין היליגן טאטן הרה"ק ר' ישכר בערצי, דער מייסד פון חסידות נאדבורנא. ר' ישכר בערצי איז געווען א זון פון הרה"ק ר' יצחק מקאליש בן הרה"ק ר' אהרן אריה לייב מפרמישלאן, און א ברודער פון הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן, און ר' מאיר איז געווען סנדק ביי ר' מרדכי און געגעבן דער נאמען מרדכי ווייל ער האט געהאט נשמת מרדכי הצדיק און אויך נאך הרה"ק ר' מרדכי מקרעמניץ, זון פון דער זלאטשובער מגיד און שווער פון הייליגן בית אהרן מקארלין זיע"א. ר' מרדכי איז געווען דער וואס האט מסמיך געווען הרה"ק ר' ישעי' מקערעסטיר צו ווערן רבי און ר' ישעי' פלעגט אסאך פארן קיין נאדבורנא.
עס איז באוואוסט אז ר' מרדכי פלעגט אסאך ארומפארן אין די שטעט צו מקרב זיין אידן, איינמאל האט ר' מרדכי געוואלט זיין אין שטאט טערצאל אויף שבת, און דאנערשטיג האט ער ארויסגעשיקט די עסן און זיינע חפצים און פעקלאך מיט זיינע חסידים כדי זיי זאלן אנגרייטן אלעם פאר שבת, און ר' מרדכי איז ארויסגעפארן פרייטאג. אזוי איז ר' מרדכי דורך געפארן די שטאט טשענגער וואס דעמאלטס איז דאס געווען א שטאט פון אשכנזים פון אויבערלאנד, ווען ר' מרדכי איז אנגעקומען אין שטאט קומט אים אנקעגן א איד און זאגט אים איך פריי זיך אז דער רבי איז געקומען דא ווייל איך מאך מארגן א ברית פאר מיין זון און איך וויל שטארק אז דער רבי זאל זיין סנדק ביים ברית, די מצוה פון סנדקאות איז געווען גאר חשוב ביי ר' מרדכי און טראכט זיך איבער און איז מחליט אז ער נעמט אן דעם כיבוד. ר' מרדכי הייסט זיינע באגלייטערס זיך אפשטעלן, און דער איד האט געזאגט ער וועט זיי שאפן א אכסניא וואו צו זיין שבת.
דערווייל נעמט זיך ר' מרדכי טראכטן אז ער האט זיין שטריימל געשיקט מיט די חסידים, און ממילא די חפצים און אנדערע זאכן קען ער מוותר זיין, ווייל די חביבת המצוה פון סנדקאות האט דאס איבער געוואויגן, אבער ער דארף דאך האבן א שטריימל און דא איז אויבערלאנד וועט ער נישט טרעפן קיין שטריימל, און אזוי געווארן זייער באזארגט ווייל אויף א שטריימל האט ער נישט געוואלט מוותר זיין בשום אופן.
אין טשענגער האט געוואוינט א חשובער איד הגאון רבי יונתן בנימין כץ זצ"ל -דער טאטע פון הגה"צ רבי אשר אנשיל כץ זצ"ל הי"ד אב"ד ור"מ סערדעהאלי- און א אייניקל בן אחר בן של הרה"ק המקובל רבי נפתלי הכהן כץ זצ"ל אב"ד פוזנא בעל סמיכת חכמים, און ר' מרדכי איז געווען זיין גאסט אויף שבת, אבער ר' יונתן בנימין האט געזען אז ר' מרדכי איז בצער און ווען ער האט אים דערציילט וועגן א שטריימל, האט ר' יונתן בנימין שנעל געלאפן צו א שניידער און געברענגט דרייצן שפיצן פון שווארצע וואל פון שעפסן און געהייסן דער שניידער זאל דאס צאם נייען און עס זאל אויסקוקן ווי א שטריימל און ווען עסאיז געווען פארטיג האט ער דאס געברענגט פאר ר' מרדכי וואס האט זיך געפריידט ווייל עס זעהט האטש אויס ווי א שטריימל, און ר' מרדכי איז דאס געגאנגען שבת און דאס האט אויסגעקוקט זייער מאדענע פאר די מענטשן פון טשענגער.
ר' מרדכי האט שפעטער דערציילט בזה הלשון "איר קענט אייך פארשטעלן ווי אזוי האב איך זיך געשפירט ווען יעדער האט געקוקט אויף מיר ווי אזוי איך גיי אנגעטאן מיט אזא שטריימל אבער סאיז מיר נישט ביי געפאלען אז א איד קען גיין שבת אן א שטריימל אויפן קאפ" דער שטריימל האט ר' מרדכי געהאלטן און ביי די חתונה פון זיין זון הרה"ק ר' בערצי פון סאטמאר האט ער דאס אנגעטאן.
שבת נאכן דאווענען גרייט מען זיך אויפן ברית און ר' יונתן בנימין איז געווען דער מוהל, האט ר' מרדכי אים געוואלט מכיר טובה זיין פאר דעם שטריימל, האט געזאגט די וועלט זאגט אז אליהו הנביא קומט אויף יעדן ברית, אבער דאס איז נאר אויב דער מוהל און סנדק זענען יראים ושלימים, אבער ווען איך בין סנדק קומט ער, און איך וועל דיר מזכה זיין צו זען אליהו הנביא, און ר' מרדכי דערציילט פארוואס קומט אליהו הנביא צו אים? ווייל ווען ער איז געווען א יונגערמאן און נישט געהאט קיין געלט האט ער געוואלט האבן די בעסטע וויין פאר ד' כוסות און כוס של אליהו, און איך האט געשפארט גענוג געלט און געקויפט טייערע טאקיי וויין פארן סדר ווייל איך האב געוואלט מכבד זיין אליהו מיט גוטע וויין לכבודו, און אין דעם זכות קומט אליהו ווען איך בין ביי א ברית. האט ר' מרדכי געזאגט פאר ר' יונתן בנימין ווייל דו האסט מיר מהנה געווען ווינטש איך דיר אז דו זאלסט זעהן אליהו הנביא ביי דעם ברית, ר' מרדכי איז נסתלק געווארן ט"ו תשרי תרנ"ה און מנו"כ אין שטאט בישטינא, זיע"א,

**עס איז לעצטענס אנטפלעגט געווארן די סידור ר' אשר דפו"ר לבוב וואס דער הייליגער עצי חיים מסיגוט האט גענוצט לפי עדות זיין זון ר' יחיאל מיכל, אויך א פנקס חידושים פון הייליגן ישמח משה וואס איז נישט געדרוקט געווארן. פאר פרטים פארבינד זיך מיט מיר. וכל הקודם זוכה!**

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

ספר דרכי האמונה יאס ידוע לשמירה דפו"ר נדיר $800 סעט משניות סלאוויטא מצב טוב ושלם $40000, יו"ד דפוס ר' משה קטן סלאוויטא מצב בינוני אבל שלם $3400 תהלים זיטאמיר מהסידור $7000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר התמונות ופעילות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, גמ' ב"ק זיטאמיר מצב בינוני $400 גמ' סנהדרין זיטאמיר מצב מצויין $500 ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $5000 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com